# דאָס געטאָ ברענט

## געשריבן געוואָרן אין די טעג פֿון געטאָ אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, אַפּריל 1943.

ווער ס׳איז דער מחבר איז אומבאַקאַנט. דעם כּתבֿ-יד האָט דער מחבר מן-הסתּם מיטגענומען מיט זיך, ווען ער איז אַריבער אויף דער אַרישער זײַט. אַ פּוילישע משפּחה האָט איבערגעגעבן דעם כּתבֿ-יד אַ ייִדן, וואָס האָט אים געבראַכט אין ישׂראל.

עס איז שוין אַ וואָך צײַט, ווי מיר זענען אַרײַן אין באַהעלטענישן, אַראָפּ אין די קעלערן, אַרײַן צווישן די מויערן, פֿאַרשווונדן מער נישט צו געפֿינען אונדז. די בלאָקאַדעס האָבן אַ קליינעם דערפֿאָלג. בײַ אונדז, פֿון דעם בלאָק פֿון הערמאַן בראַוער, האָט מען 30 מאַן אַרויסגעפֿירט. מער איז געווען שווער צו געפֿינען, כאָטש יעדן טאָג האָט מען די קעלערן דורכגעזוכט, די וווינונגען אויפֿגעבראָכן, -- ווי די ערד וואָלט אונדז אײַנגעשלונגען. די פֿיר און אַ האַלב טויזנט מענטשן, וואָס האָבן באַוווינט דעם טערען, זענען ווי מיט אַ צויבערשטעקעלע פֿאַרשווונדן -- און נישטאָ. אָבער אָפּטעמען לאָזט מען אונדז נישט; נישט ווי בײַ די פֿריִערדיקע אַקציעס ווו די נעכט זענען געווען אונדזערע, און צווישן איין בלאָקאַדע און אַ צווייטער האָט מען געקאָנט פֿאָרזיכטיק אויפֿן טערען באַוועגן. איצט האָבן זיי דאָ אײַנגעשטעלט אַ גרופּע שאַוליסטן(1) וואָס זוכן אַרום בײַ טאָג און בײַ נאַכט און אויף יעדן שאָרך עפֿענען זיי אַ שיסערײַ, זיי זענען איבערגעשראָקן, ווײַל צענדליקער פֿון זיי זענען אין די ערשטע טעג געפֿאַלן אין קאַמף מיט אונדזערע באַוואָפֿנטע גרופּעס.

און דאָך האָט זיך פֿאַר טאָג צוגעקראָגן צו אונדז אַ שכן פֿון אַ צווייטן קעלער, זיך פֿאָרזיכטיק דורכגעשלייכט דורך די קעלערן, אויפֿגעדעקט שטיל די קלאַפּע און זיך אָנגעפֿרעגט, וואָס בײַ אונדז הערט זיך, געטיילט זיך מיט אַ ביסל נײַס. אין די ערשטע טעג פֿון קאַמף -- האָט ער דערציילט -- זענען געפֿאַלן זייערע אַרום 300. אונדזערע האָבן געהאַט גוטע פּאַרטיידיקונגס-פּונקטן. זיי האָבן אַרײַנגעפֿירט צוויי טאַנקען. איינעם איז אונדז געלונגען צו פֿאַרניכטען. אונדזערע האָבן אַרויסגעהאַנגען אַ פּוילישע פֿאָן, די

דײַטשן האָבן געוואָלט די פֿאָן אַראָפּשיסן. עס איז זײ נישט געלונגען. איצט איז שטילער, זײ געפֿינען כּמעט נישט קײן מענטשן, ווײַל די מערהייט האָט זיך גוט באַהאַלטן. ווי לאַנג דאָס וועט דויערן קאָן מען נישט וויסן, נאָר אויב זײ וועלן אין די נאָענסטע טעג קײנעם נישט געפֿינען, וועלן זײ דאָך מוזן איבעררײַסן די אַקציע, אָדער זײ וועלן מוזן באַלד אַריזירן(2) די שאָפּן, דעמאָלט וועט מען דאָך זיך צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען. דערמיט ענדיקט זיך אונדזער שמועס. דער חבֿר דעקט צוריק צו די קלאַפּע, פֿאַרשיט מיט ערד, פֿאַרשטעלט מיט אַלטוואַרג און טראָגט זיך אָפּ אומבאַמערקט.

ווי שוואַך איז געווען אונדזער פֿאָרשטעלונג וועגן דעם אויף וואָס די דײַטשן זענען פֿעיִק! אונדזער פֿאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, די גאַנצע הײַזער מיט סחורות, וואָרשטאַטן, פֿאַבריקן, מאַשינען פֿאַר צענדליקער, פֿאַר הונדערטער מיליאָנען, -- דאָס אַלץ וועט אונטערגעצונדן ווערן, צוליב אונדז, צוליב די אַלע, וואָס האָבן זיך באַגראָבן אונטער דער ערד, באַהאַלטן זיך צווישן די מויערן און פֿאַרמאָגן שוין נישט מער, ווי דאָס בלויזע לעבן און אַ ווילן, אַ שטאַרקע ווילן עס נישט אָפּצוגעבן. ניין, מיר האָבן זיך עס נישט פֿאָרגעשטעלט.

אין אונדזער באַהעלטעניש איז דאָס לעבן ווײַטער געגאַנגען, ווי אין די ערשטע טעג. מיר האָבן נאָך עלעקטרע, מיר האָבן וואַסער אין קלאָזעט, מיר קאָכן אויף די עלעקטרישע קיכעלעך מיטאָג, מיר ליגן אויף די נאַרעס און לייענען ביכלעך.

די באַהעלטעניש איז נישט קײן גרויסע. דרײַ קלײנע צימערלעך אונטער דעם פֿראָנט פֿון הויז בײַם טויער (נאַלעווקעס 8), צוויי צימערלעך פֿאַרנומען מיט פּריטשעס(3), אין ערשטן צימער די קיך. מיר זענען צוועלף מענטשן, דרײַ קינדער, פֿינף פֿרויען, פֿיר מענער. מיר פֿילן זיך באַקוועם, ווײַל עס איז צוגעגרייט אָרט פֿאַר מער מענטשן. נאָר זײ האָבן געהאַלטן אַז צוליב דעם פֿראָנט, אין דער נאָענטקייט פֿון גאַס, איז דאָ נישט זיכער און זײ האָבן זיך באַהאַלטן אַנדערש וווּ. דאָרט איז נישט באַקוועם, מער מענטשן, אָבער דערפֿאַר זיכערער.

בײַ אונדז פֿעלט שוין איצט לופֿט, די ווענטילאַציע איז אַ שוואַכע. מיר באַוועגן זיך ווינציק. מיר ריידן נישט צווישן זיך צוליב דער נאָנטקייט פֿון טויער. מיר האַלטן אײַן יעדן הוסט און יעדן העכערן טאָן.

דער טאָג איז אַדורך ביז נאָך מיטאָג ווי אַלע לעצטע טעג, מיר האָבן אַ צוויי מאָל געהערט דאָס אַרײַנמאַרשירן און אַרויסמאַרשירן פֿון מיליטער, וואָרשײַנלעך האָבן זיי ווײַטער קיינעם נישט געפֿונען, ווײַל מיר האָבן צוריקוועגס געהערט בלויז זעלנערישע טריט און ווײַטער שטיל. אַרום פֿינף פֿאַר נאַכט האָבן מיר דערהערט און דערפֿילט אַ פֿאַרדעכטיקטע באַוועגונג און אָפֿטן אַרײַנפֿאָר און אַרויספֿאָר פֿון וואָגנס. עפּעס לאָדט מען אויף די וואָגנס. עפּעס קומט פֿאָר, אָבער וואָס? צי ווערט נישט די פֿירמע אַרויסגעפֿירט. דאָס איז מעגלעך, אָבער אַזוי פֿיל סחורות, וואַרשטאַטן און מאַשינען, דאָס דאַרף דאָך דויערן וואָכן און אפֿשר חדשים, און וואָס דאָס אײַלן זיך, די אָפֿטע געשרייען און געלויפֿן? פֿאַר זיבן איז אַלץ צוריק שטיל געוואָרן. איצט, דאַכט זיך -- נאָך שטילער ווי געווען. אָבער באַלד נאָך זיבן האָב איך געפֿילט אַ טשאַד אין צימער. איך ווער אַ ביסל אומרויִק, איך הייב אָן זוכן פֿון וואַנען ער קומט און געפֿין אַז פֿון איין וואַנט יאָגט אַ רויך, אפֿשר האָט מען אין אַ זײַטיקן קעלער געמאַכט פֿײַער און דער רויך גייט אַרײַן צו אונדז. מיר האָבן בײַ זיך צעמענט, זאַמד. מיר מישן עס מיט וואַסער און פֿאַרקלעפּן שנעל די עפֿענונג פֿון וואַנען עס יאָגט אַזאַ שטיקנדיקער רויך. נאָך דער אַרבעט באַרויִקן מיר זיך צופֿרידענע, וואָס מיר האָבן געהאַט אונטער דער האַנט דעם צעמענט מיטן זאַמד. מיר שטעלן זיך נישט פֿאָר, אַז מיר זענען שוין אונטערגעצונדן און אַרום אונדז פֿאַרשפּרייט זיך איצט שנעל דאָס פֿײַער.

דער זייגער איז אַכט. פֿון דער זײַט פֿון גאַס הערט זיך אַ פֿאַרשטאַרקטע באַוועגונג, דער רויך אין די צימערן ווערט נישט שוואַכער, מיר מוזן עפֿענען און אַרײַנלאָזן מער לופֿט, אין דער פֿראָנטוואַנט זענען דאָ קליינע פֿענסטערלעך, אונטער יעדן שטיק פֿון אַ געוועלב אַזאַ עפֿענונג פֿון צען ביז פֿופֿצן צענטימעטער. נאָר איצט זענען זיי פֿאַרקלעפּט און פֿאַרמאַסקירט און בלויז אַ פּאָר לעכער צו איין צענטימער די גרויס זענען דאָ, איצט מוזן מיר זיי אויפֿדעקן. איך קלעפּ אָפּ אין ערשטן צימער אַ קליין פֿענסטערל און דערזע אויף

דער צווייטער זײַט גאַס ברענט אַ הויז, אַ פֿײַער, פֿון אונטן ביז אַרויף, ביזן דאַך, דאָס גאַנצע הויז איז אין פֿלאַמען. פּלוצעם גיט זיך אַן עפֿן אַ באַלקאָן אויפֿן ערשטן שטאָק און עס לויפֿט אַרויס אַ מאַן, בײַ פֿופֿציק יאָר אַלט, באַלויכטן מיט פֿײַער, מיט אַ ווילד פּנים, מיט אויסגעשטאַרטע אויגן -- ווײַזט אויס גלײַך פֿון אַ באַהעלטעניש אין שטוב -- און שרײַט: ס׳ברענט! ס׳ברענט! ער פֿאַרוואַרפֿט די פֿיס איבערן באַלקאָן און פֿאַרמעסט זיך צו שפּרינגען. אַ פּאָר שאָסן רײַסן איבער זײַן פּרווו און ער פֿאַלט אַראָפּ אומבאַוועגלעך, ווי אַ קלאָץ. אַ געלעכטער פֿון דער נאָענט רײַסט זיך אַרײַן אין רויש פֿון פֿײַער, דאָס לאַכן די היטערס וואָס היטן, אַז דאָס פֿײַער זאָל זיך גוט פֿאַרשפּרייטן און קיין לעבעדיקער זאָל זיך נישט אַרויסקריגן.

פֿון אַ צווייטן הויז לויפֿט אַרויס אַ גרופּע מענטשן, צווישן זיי אַ גרעסערע צאָל פֿרויען. איך הער זייערע הילפֿסרופֿן. זיי ווייסן נישט וווּ צו לויפֿן. אין דעם, הייבן אָן מאַשינען-געווער צו קלאַפּן, זייערע לעצטע הילפֿסרופֿן ווערן פֿאַרשטומט.

איך דריי מיך אויס פֿון פֿענסטערל און קוק זיך אום אויף מײַנע נאָענטע, איך שווײַג און טראַכט, בײַ אונדז וועט דאָס נישט פֿאָרקומען, דאָרט זענען דאָך ווילדע הײַזער(3). מיר געהערן דאָך צו אַ רײַכסדויטשע פֿירמע הערמאַן בראַוער, אַ געוועזענער דײַטשישער שפּיאָן אין פּוילן, אַ מיליטער-מאַן און אַ געטרײַער היטלעריסט. דאָ וועט מען נישט אונטערצינדן. עס איז דאָך זייער פֿאַרמעגן.

און אָט וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען אויפֿן טערען פֿון הערמאַן בראַוער:

מיט דרײַ טעג צוריק האָט בראַוער גערופֿן צו זיך עטלעכע אָנפֿירערס, די צו וועלכע ער האָט געקאָנט דערגרייכן, ווײַל אַלע זענען געווען באַהאַלטן, און זיי געמאָלדן, אַז זײַן פֿירמע בלײַבט און אין די נאָענסטע טעג וועט פֿאָרקומען אַן איבעררעגיסטראַציע; די וואָס וועלן זיך מעלדן, וועלן גלײַך צוטרעטן צו דער אַרבעט. די פֿיר אָנפֿירערס האָבן באַקומען ספּעציעלע נומערן אויף גרויסע ווײַסע שטיקער לייוונט און מיט דעם האָבן זיי געקאָנט פֿרײַ זיך באַוועגן אויפֿן טערען פֿון דער פֿירמע.

אין פֿאַרלויף פֿון דרײַ טעג האָבן שוין פֿינף און צוואַנציק אָנפֿירערס געטראָגן ווײַסע נומערן, און הערמאַן בראַוער האָט אַראָפּגעלאָזט

אין קעשענע הונדערט טויזנט פֿופֿציק זלאָטעס, זײַן נאָכשלעפּער, דער אינוואַליד קלאַוז -- פֿופֿצן טויזנט זלאָטעס.

נאָך דעם, ווי בראַוער האָט שוין געוווּסט, אַז זײַן פֿירמע ווערט פֿאַרברענט מיטן טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר, האָט ער די אָנפֿירערס נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר פֿאַרשיידענע קלייניקייטן פֿאַרן אייגענעם געברויך גענומען גיך אַרויספֿירן. דעם לעצטן טאָג פֿינף נ.מ. איז געקומען די עס-עס, אַרויף אין ביוראָ, צוזאַמענגערופֿן די אָנפֿירערס און אַרויסגעפֿירט זיי אויפֿן ערשטן הויף. אומגעריכט פֿאַלט דער באַפֿעל: די הענט אין די הייך, נישט רירן זיך פֿון אָרט. און קעגן די אָנפֿירערס שטייען זעלנער מיט אָנגעשטעלטע ביקסן. זיי ווערן באַזוכט, אַלץ ווערט צוגענומען, נישט נאָר דאָס געלט, זייגערלעך און פֿינגערלעך, נאָר אויך די דאָקומענטן, אַלע קלייניקייטן, אַפֿילו שטיקלעך פּאַפּיר פֿאַרשריבענע און נאָך דעם קומט דאָס מאַטערן אַ שעה צײַט מיט שטראָף-איבונגען. עס מאַכן זיך פֿריילעך די עס-עס לײַט און אין די פֿענסטער פֿון ביוראָ שטייען די דײַטשישע דירעקטאָרן און קוקן זיך צו צו דעם, וואָס עס טוען די עס-עס מיט וועלכע זיי האָבן אין איינעם געטרונקען פֿאַר דעם אויסקויף געלט, וואָס זיי האָבן דערהאַלטן פֿון די זעלביקע אָנפֿירערס (צו מאַכן הוליאַנקעס און זיי איבערצוקויפֿן ). נאָך די איבונגען האָט מען זיי געיאָגט צו העלפֿן לאָדן העלמען, ווײַל אין די לעצטע שעהען האָט מען זיך גענומען עפּעס אַרויספֿירן, עס זענען געקומען אַ ביסל וואָגנס מיט קריגס-געפֿאַנגענע צו דער אַרבעט, און די אָנפֿירערס זענען אונטער קלעפּ געיאָגט געוואָרן צו דער אַרבעט. אָבער די גרויסע לאַגערן מיט וואָלענע סוועטערס, מיט שקאַרפּעטן, די מאַגאַזינען מיט לעדער-אויסאַרבעטונגען, פּאַפּיר-וואַרשטאַטן, גרויסע זאַפּאַסן פֿון אַרטיקלען און גרויסע לאַגערן מיט טאָרניסטערס(4) און אַנדערע זאַכן, -- דאָס אַלץ קאָן מען נישט אַזוי גיך אַרויספֿירן. דעריבער זענען נאָר עטלעכע פּלאַטפֿאָרמעס אָנגעלאָדן מיט שטאָלהעלמען אַרויסגעפֿאָרן און אויף איין פּלאַטפֿאָרמע -- די אָנפֿירערס.

פֿופֿצן מינוט פֿאַר זיבן (די גענויע ידיעות און פּינקטלעכע צײַט האָב איך שפּעטער דערהאַלטן פֿון איינעם, וואָס האָט געהאַט אַן אָבסערוואַציע פּונקט פֿון זײַן באַהעלטעניש אויפֿן ערשטן הויף) איז אַראָפּ פֿון ביוראָ בראַוער, געבליבן שטיין בײַם טויער, צום לעצטן

מאָל זיך אומגעקוקט, פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַרײַן אין אויטאָ.

פֿינף מינוט נאָך זײַן אָפּפֿאָרן זענען אַרײַן שאַוליסטן מיט דײַטשישע זעלנער און געוואָרפֿן ברענבאָמבעס אין די פֿאַרטער-וווינונגען, אין די קעלערן, אויף די שטיגן, אויף די בוידעמער און אַוועק צו ווײַטערדיקע אַרבעט.

און די רײַכסדויטשע פֿירמע הערמאַן בראַוער ברענט פֿון ראָג פֿראַנציסקאַנער- נאַלעווקעס ביז מוראַנאָוו.

די ערשטע, וואָס האָבן דאָס באַמערקט פֿון די באַהעלטענישן אין די שטובן זענען גיך אַראָפּ אויפֿן הויף. אָבער די מערהייט האָט נישט באַוויזן, ווײַל מערסטנס זענען די האָלצערנע שטיגן געווען דער ערשטער מאַטעריאַל צום ברענען און ווען אין די וווינונגען האָט זיך באַוויזן רויך מיט פֿײַער און אַרויסגעיאָגט פֿון די באַהעלטענישן, איז שוין דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען אין פֿלאַמען -- און די מענטשן זענען אומגעקומען.

די קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך יאָ געראַטיוועט, האָט געקלאַפּט אין די באַהעלטענישן פֿון די קעלערן, וווּ איז געווען באַקאַנט, אַז דאָרטן זענען דאָ מענטשן. און אַזוי האָט מען זיך דערמאָנט אין מיר. אַרום נײַן אַזייגער האָבן פֿרײַנד באַמערקט, אַז איך בין נישטאָ און עס האָבן זיך דערהערט אויסרופֿן צו גיין צו מ... אין סכראָן(5) אַרײַן, עפֿענען און אַרויסראַטעווען די מענטשן. אַ גרופּע מיט אײַזנס און לאָמען איז אַרײַן אין ערשטן הויף, צוגעקומען צום קעלער. אָבער אַראָפּגיין איס שוין געווען אוממעגלעך. דער קאָרידאָר, וואָס פֿירט אין קעלער אַרײַן, איז געשטאַנען אין פֿלאַמען. די באַהעלטעניש איז געווען זייער ווײַט און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען אַלע אַוועק. אַ שאָד מ. און זײַנע נאָנטע, אָבער צי איז דען זייער לעבן שוין זיכער? נאָך אַ סך אַרבעט האָבן זיי איצט צו טאָן, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן.

בײַ מיר אין סכראָן האָבן מיר נאָך גאָרנישט געוווּסט. אַרום נײַן אָוונט האָבן מיר זיך געזעצט צום אָוונטברויט. וויפֿל טראַגי-קאָמישעס אין דער סיטואַציע, וואָס פֿאַר אַ סצענע, אַ מין טשאַפּלין-פֿילם! מען האָט אונדז אונטערגעצונדן, די קעלערן אַרום ברענען,

דאָס פֿײַער גײט נענטער און נענטער צו אונדז, די מענטשן אין דרויסן זענען געקומען ראַטעווען און קאָנען נישט אַרײַן, -- און מיר, אַזוי ווי נישט אונדז מיינט מען, מיר זעצן זיך צו עסן.

אַרום צען אַזייגער בין איך צוגעגאַנגען צום וואַסער די הענט וואַשן, איך עפֿן אויף דעם קראַן און דערפֿיל הייסע וואַסער. אַ שוידער איז מיר אַדורך, עס ווערט מיר הייס און קאַלט, מיט אַ מאָל איז מיר קלאָר געוואָרן; עס ברענט אַרום אונדז.

אָן אַ וואָרט בין איך צוגעגאַנגען צו דער עפֿענונג, אַראָפּגעלאָזט זיך אונטער דער מויער, אַרויס צו דער קלאַפּע און זי אונטערגעהויבן. דער קלײנער קעלער בײַם אַרײַנגאַנג צו באַהעלטעניש איז פֿול מיט היץ און העל באַלויכטן. פֿון פֿענסטערל יאָגט אַ פֿײַער פֿון אַ צינדבאָמבע. נאָר צום גליק האָב איך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַלע זאַכן אין קעלער אַוועקגעלייגט בײַם אַרײַנגאַנג פֿון טיר, און דאָ האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעצונדן. מיט אַ שפּרונג בין איך אין קאָרידאָר, וואָס פֿירט צום אַרויסגאַנג. דאָ איז דער לאַנגער קאָרידאָר מיט אַלע קעלערן פֿון ביידע זײַטן אין גאַנצן אין פֿלאַמען. איך לויף גיך צוריק אין סכראָן אַרײַן, אויף מײַן צוריקקער וואַרטן שוין אַלע בײַ דער עפֿענונג. זיי האָבן באַמערקט מײַן אַרויסלויפֿן און האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳מוז זײַן זייער אַן ערנסטע זאַך, וואָס האָט מיך באַוויגן אויסצודעקן די קלאַפּע.

הערט -- האָב איך זיך געווענדט צום דערשראָקענעם עולם אַרום מיר -- אויב איר וועט זיך פֿאַרהאַלטן רויִק וועלן מיר זיך אַלע ראַטעווען. אַלץ אַרום ברענט, דער קאָרידאָר פֿון קעלער איז אין פֿלאַמען. מיר זענען שוין אַ וואָך צײַט אין קעלער. אונדזער אָנטועכץ איז דורכגענומען מיט פֿײַכקייט [פֿײַכטקייט --ל.פּ.] און ווען מיר וועלן לויפֿן דורכן פֿײַער, וועט זיך עס נישט אַזוי גיך אָנצינדן. זאָל נאָר יעדער נעמען אויפֿן קאָפּ אַ פֿײַכטע זאַך, ווײַל די האָר קענען זיך יאָ גיך אָנכאַפּן. און זאָלן אַרויסגיין פֿריִער די קינדער, נאָך דעם די פֿרויען און צום לעצטן די מענער. איך שטעל אויס אַ שפּאַלער [שפּאַליר -- ל.פּ.] און פֿיר דער ערשטער, נאָך מיר די קינדער. מיר לויפֿן אין פֿײַער. עס פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. איך טראַכט: נאָר נישט פֿאַלן, נאָר נישט פֿאַלן. פֿאַל איך, קומען אַלע אום אין פֿײַער. דאָס פּנים ברענט, איך צי די פֿײַכטע שמאַטע איבער די אויגן, מיר זענען

שוין בײַ די שטיגן, וואָס פֿירן צום אַרויסגאַנג, אַ פּאָר שפּרינג און מיר זענען אין דרויסן. איך קוק מיך אום און צייל איבער צוועלף, קיינער פֿעלט נישט.

אָבער ווּ זענען מיר אַרויס? אַרום איז אַ היץ מיט פֿײַער, וואָס פֿליט פֿון די הײַזער ביז צום הימל. פֿון די קעלערן ביז אין דער הייך שיסט דער פֿלאַם אין הימל אַרײַן.

איך דערמאָן זיך אָן דעם מענטש אויפֿן באַלקאָן און זײַן געשריי: עס ברענט, עס ברענט! דאָ איז פּוסט. קיין לעבעדיקער מענטש איז נישטאָ, נאָר פֿײַערדיקע באַלקנס פֿאַלן אין מיטן הויף אַרײַן פֿון די מויערן, וואָס שיטן זיך שוין.

ווּהין לויפֿט מען? אויף דער גאַס -- ווייס איך שוין -- שטייט מען אין די עקן מיט מאַשין-געווער און מען וואַרט אויף די וואָס לויפֿן פֿון פֿײַער. מיר מוזן גיך צודעקן דעם קאָפּ ווײַל עס פֿאַלן ציגל און שטיקער פֿײַער, עס שיטן זיך שוין גאַנצע מויערן. מיר לויפֿן אין צווייטן טויער. מיר ווייסן שוין פֿון די פֿריִערדיקן באָמבאַרדירונגען אַז די פּולאַפּן(6) פֿון די טויערן זענען פֿעסטער, אָבער דער ווינט יאָגט דאָ פֿון אַלע זײַטן פֿונקען מיט רויך, מיר ווערן דערשטיקט און די אויגן ברענען. מיר קאָנען דאָ נישט אויסהאַלטן. ווּ לויפֿט מען זיך ראַטעווען?

פּלוצלינג דערזעען מיר אין לעצטן הויף לינקס אין ווינקל, אַ שוואַרצן אינדזל, דאָרט ברענט נישט, און מענטשן באַוועגן זיך. מיר לויפֿן אַהין און פֿאַלן אַרײַן צווישן פֿרײַנד, מיר כאַפּן זיך אַרום, מיר קושן זיך. זיי דערציילן, אַז זיי זענען געלאָפֿן אונדז ראַטעווען און נישט געקאָנט אַרײַן. געווען זיכער אַז מיר זענען שוין אומגעקומען.

נישטאָ קיין צײַט צום ריידן. מען מוז ראַטעווען די געבײַדע. דאָ איז אַמאָל געווען די דרוקערײַ און רעדאַקציע ״מאָמענט״(7). די צוויי שטאָק זענען שוין איין מאָל בײַם אָנהייב קריג אָפּגעברענט געוואָרן. שפּעטער איז אַ העלפֿט פֿאַרריכט געוואָרן און איצט מוזן מיר דאָס אָפּראַטעווען פֿון פֿײַער, כּדי זיך אַליין צו ראַטעווען. וואַסער איז דאָ אין קעלער. איין שפּאַלער מענטשן פֿון קעלער ביז צום דאַך דערלאַנגען וואַסער אין בלעכלעך פֿון קאָנסערוון. אַ צווייטער שפּאַלער פֿון דאַך ביז צום קעלער גיבן צוריק ליידיקע בלעכלעך.

איך נעם צו בײַ אײנעם אַ פּאָר שאָפֿער־ברילן און גײ אַרויס אויפֿן דאַך. אָט דאָ קעגן איבער איז געווען מײַן וווינונג. געהאַט אַ בעט, אַ קישן, ווי דעם קאָפּ אַװעקצולײגן און איצט רײַסן זיך אַרויס פֿון דאָרט פֿלאַמען און פֿאַרשלינגען אַלץ. דאָ דאַרף מען אַלע פֿונקען, וואָס פֿאַלן אויף דעם מיט פּאַפּע(8) געדעקטע דאַך, באַלד פֿאַרלעשן, ווײַל דאָס קאָן זיך לײַכט אָנצינדן. און צוליב דעם שטאַרקן רויך מוזן די פּאָר מענטשן אויפֿן דאַך זיך אָפּט טויטשן.

אַרום איז אַ ים פֿון פֿײַער, די גרעסטע פֿילם רעזשיסירן האָבן נאָך נישט באַוויזן אויסצורעזשיסירן אַזאַ בילד, עס רוישט און עס קנאַקט און עס שיסט, מיר װערן פֿאַרטויבט, מיר הערן גאָרנישט, װען אַפֿילו מען שרײַט צו אונדז. מיר אַרבעטן מיט די לעצטע כּוחות, מיר קעמפֿן מיט אַן איבערנאַטירלעכער מאַכט. און מיר זיגן.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט האָט זיך אײַנגעגעבן די געבײַדע צו ראַטעווען. אין דער פֿרי איז שוין אַריבער דער געפֿאַר, אַז דאָס פֿײַער זאָל זיך איבערכאַפּן צו אונדז.

מיר קוקן זיך אַרום. אַ פֿינף הונדערט מענטשן פֿון די נאָענסטע הײַזער האָבן זיך דאָ געראַטעוועט און אַ גרויסע צאָל איז אומגעקומען פֿון פֿײַער, דערשטיקט געוואָרן אין די קעלערן פֿון רויך. און די וואָס זענען געבליבן זענען שוין געראַטעוועט? דערווײַל טראַכט מען נאָך נישט וועגן דעם. אַלע האָבן שווער געאַרבעט בײַם באַזײַטיקן דעם גאַנצן לײַכט ברענענדיקן מאַטעריאַל פֿון הויז. דאָס איז געווען די פּאַפּיר־אָפּטײלונג. דעם גאַנצן לאַגער פּאַפּיר האָבן מיר געמוזט אַרויסוואַרפֿן אין מיטן הויף און פֿאַרברענען. איצט זענען אַלע מיד און קראַנק אויף די אויגן.

און דאָ גײט אויף אַזאַ זוניקער ליכטיקער טאָג און ווײַזט אונדז די פֿאַרברענטע הײַזער אין געטאָ, די אומגעקומענע שטאָט.

און זאָל דאָס בלײַבן לזכּרון.

זונטיק, דעם 25 אַפּריל 1943. אין אָוונט איז אונטערגעצינדן געוואָרן דאָס ייִדישע געטאָ אין וואַרשע און אין די פֿלאַמען זענען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער; די וואָס זענען פֿון פֿײַער אַרויסגעשפּרונגען זענען אויף די גאַסן

דערשאָסן געוואָרן און די, וואָס האָבן אַל פּי נס זיך געראַטעוועט, זענען וואָכן, חדשים געיאָגט און געפּײַניקט געוואָרן ביז מען האָט זײ אומגעבראַכט.

און ווען איך האָב שפּעטער באַזוכט אַזאַ קעלער מיט פֿאַרשטיקטע מענטשן, געזען קינדער מיט אויסגעריסענע מײַלער, ווי שוואַרצע פֿאַרברענטע לעכער, פֿרויען מיט פֿאַרמאַכטע פֿויסטן, מיט האָר אַרויסגעריסענע פֿון קאָפּ, האָב איך געוויינט און די פֿויסטן געבײַלט און געטראַכט וועגן די מיליאָנען געבײַלטע פֿויסטען אויף דער גאָרער וועלט קעגן היטלעריזם און קעגן פֿאַשיזם.

הערות [פֿון ל.פּ.]

1) שאַוליסטן: ״פֿאַשיסטישע ליטווישע אָרגאַניזאַציע פֿון פֿאַר דער מלחמה, ענג מיטגעאַרבעט מיט דער עס.עס בײַם ליקווידירן ייִדן אין פּוילישע און ליטווישע געביטן.״ [נחמן בלומענטאַל, _ווערטער און ווערטלעך פֿון דער חורבן-טקופֿע_, ז. 306] בלומענטאַל שרײַבט ״שאַוליסן״ -- אָן דעם -ט. זײ האָבן געשעמט אַלס ״ערגער ווי די דײַטשן.״

2) אַריזירן. די נאַציס האָבן גערופֿן דאָס קאָנפֿיסקירן ייִדיש האָב-און-גוץ ״אַריאַניזאַציע״. זע _גרויסער ווערטערבוך_, באַנד 4.

3) פּריטשע(ס) < פּויליש _פּריצזאַ_ 'בעט פֿון ברעטער'.

4) ״״ווילדע הײַזער״ 'נאָך דעם ווי מען האָט אײַנגעשרומפּט דאָס געטאָ זענען די דאָזיקע הײַזער אַרויסגענומען געוואָרן פֿון געטאָ-שטח און מען האָט נישט געטאָרט ווינען אין זײ' [ציטירט פֿון טעקסט, ז' 12].

5) טאָרניסטער(ס) < פּויליש _טאָרניסטער_ 'רוקזאַק; וואַליזע'.

6) סכראָן < פּויליש _סצהראָן_ 'אָפּדאַך'.

7) פּולאַפּן < פּויליש _פּולאַפּ_ 'סטעליע'.

8) _מאָמענט_ איז געווען איינער פֿון די צוויי גרויסע ייִדישע טעגלעכע צײַטונגען אין וואַרשע צווישן ביידע וועלט מלחמות.

9) פּאַפּע < פּויליש _פּאַפּאַ_ 'סמאָלע-פּאַפּיר'.